**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט 3 מיליאן דאלער פאר צענטער פאר פורטא ריקען שטודיעס ביי האנטער קאלעדזש און דאמיניקען שטודיעס אינסטיטוט ביי סיטי קאלעדזש

***אינסטיטוציעס וועלן באקומען די געלטער צו שטיצן אנגייענדע אפעראציעס און איניציאטיוון צו פרעזערווירן די קולטור און היסטאריע פון לאטינא ניו יארקער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז די צענטער פאר פורטא ריקען שטודיעס ביי האנטער קאלעדזש און די דאמיניקען שטודיעס אינסטיטוט ביי סיטי קאלעדזש וועלן באקומען 3 מיליאן דאלער צו שטיצן אנגייענדע איניציאטיוון ביי זייערע אינסטיטוציעס צו פרעזערווירן די קולטור און היסטאריע פון לאטינא ניו יארקער. דער גאווערנער האט דאס אויסגעמאלדן ביי דעם SOMOS גאָווערנאָר רעסעפשאן אין אלבאני.

"דא אין ניו יארק, איז אונזער פארשידנארטיגקייט אונזער שטארקקייט, און גלייך ביים צענטער דערפון איז די ווירקונג וואס לאטינא ניו יארקער האבן געהאט אויף אונזער שטאט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פון מוזיק און עסנווארג צו קונסט און טענץ ביז וויסנשאפט און מעדיצין, האבן די בעסטע טיילן פון ניו יארק זיך געטוישט צום גוטן צוליב דיביישטייערונגען. איך בין שטאלץ צו מעלדן די געלטער צו שטיצן באמיאונגען ביי האנטער קאלעדזש און סיטי קאלעדזש צו ווייטער דערציילן די געשיכטעס און איבערגעבן די קולטור פאר צוקונפטיגע דורות."

די צענטער פאר פורטא ריקען שטודיעס ביי האנטער קאלעדזש (סענטרא) איז געגרינדעט געווארן דורך א גרופע סטודענטן, פאקולטי און קאמיוניטי אקטיוויסטן אין 1973 צו פארזיכערן אז די היסטאריע פון פורטא ריקאנער ניו יארקער בלייבט פרעזערווירט. היינט פארבלייבט עס די גרעסטע אוניווערזיטעט-באזירטע פארשונג אינסטיטוט, ביבליאטעק, און ארכיוו ספעציעל אוועקגעשטעלט צו די פורטא ריקאנער ערפארונג אין די פאראייניגטע שטאטן. געגרינדעט אין 1992, איז די דאמיניקען שטודיעס אינסטיטוט ביי סיטי קאלעדזש (Dominican Studies Institute at City College, CUNY DSI) דאס לאנד'ס ערשטע אוניווערזיטעט-באזירטע אינסטיטוציע וואס איז באשטימט צו שטודירן די מענטשן וואס שטאמען פון דאמיניקען אין די פאראייניגטע שטאטן און אנדערע טיילן פון די וועלט.

**אסעמבלימיטגליד עדי גיבס האט געזאגט,** "ביים זיך צוזאמנעמען פאר די SOMOS 2023 קאנפערענץ פייערן מיר די טעמע פון 'אויסנוצן די מאכט פון אונזער פארשידנארטיגקייט'. איך קוק ארויס צו איבערשמועסן לעזונגען וואס אדרעסירן די אישוס פארבינדן מיט ניו יארק'ס לאטינא קאמיוניטי און איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס 3 מיליאן דאלער ביישטייערונג פאר צענטער פאר פורטא ריקען שטודיעס ביי האנטער קאלעדזש און דאמיניקען שטודיעס אינסטיטוט ביי סיטי קאלעדזש. עס וועט האבן א טיפע ווירקונג אויף די לעבנס פון סטודענטן און די גרעסערע לאטינא קאמיוניטי."

**אסעמבלימיטגליד קארינעס רעיס האט געזאגט**, "גאווערנער האקול'ס אינוועסטירונג אין די קריטישע אינסטיטוציעס וועט פארזיכערן די פרעזערווירונג פון ניו יארק'ס לאטינא העריטעדזש. די פרעזערווירונג וועט ערלויבן ניו יארקערס פון יעדן עלטער און הונטערגרונד צו באקומען א ברייטערע פארשטאנד פון אונזער קאמיוניטי'ס לעבהאפטיגע קולטור. איך אפלאדיר דעם גאווערנער פאר איר אנגייענדע געטריישאפט צו אלע ניו יארקער, ספעציעל איר ארבעט צו שטיצן ניו יארקער פון היספאנישע אפשטאם."

**ניו יאָרק סיטי קאונסיל מיטגליד דיאנא איאלע האט געזאגט,** "פורטא ריקאנער און דאמיניקענס שטעלן צונויף טייל פון די גרעסטע אימגראנטן גרופעס אין ניו יאָרק סיטי און גאווערנער האקול'ס מעלדונג ביי SOMOS צייגט איר געטריישאפט פאר אונזערע בליענדע קאמיוניטיס. די צענטער פאר פורטא ריקען שטודיעס ביי האנטער קאלעדזש און די דאמיניקען שטודיעס אינסטיטוט ביי סיטי קאלעדזש פרעזערווירן די רייכע היסטאריע פון די קאמיוניטיס און די געלטער וועלן פארזיכערן אז די צוקונפטיגע דורות וועלן ווייטער קענען שטודירן די וויכטיגע, אבער אפט פארקוקטע, טייל פון די אמעריקאנער געשיכטע."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418